# רחל מאַרפּורגאָ

## די ערשטע דיכטערין אין דער העברעאישער פּאָעזיע

געבוירען 1790
געשטאָרבען 1871

פון דער סעריע:
**„פּאָרטרעטען פון אינטערעסאַנטע פרויען”**

פון
**רבקה זילבערג**

רחל מאַרפּורגאָ איז געווען די ערשטע „פּייטל” פון א פרוי אין דער העברעאישער דיכטונג. זי האט מיט איר ערשטע, דערשיינען איבערציינט, אז פרויען קענען שרייבען העברעאישע לידער. דאס איז געווען אן איבערראַשונג. די העברעאישע פּאָעזיע איז געווען א פעסטונג פון די מענער אין יענער צייט (מיט אן אכציג־ניינציג יאר צוריק).

אליין א געבאָרענע אין איטאַליע, האט רחל מאַרפּורגאָ געשריבען אירע לידער אויף אזא שעהנער העברעאישער שפּראַך, וואס מען האט עס ניט געקענט דערוואַרטען פון א פרוי. מען האט פאַרדעכטיגט, אז אונטער'ן נאמען רחל מאַרפּורגאָ באהאלט זיך א מאַן א דיכטער און א גרויסער העברעאיש קענער. עס האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז עס איז סאַקע אן אמת'ע רחל, אן אמת'ע דיכטערין און אן איבערצייגענטע העברעאיש קענערין. זי אליין האט זיך געהאַלטען גאַנץ באַשיידען. און אירע לידער פלעגט זי אונטערשרייבען: רחל מאַרפּורגאָ הקטנה (די קליינע). אבער מיט איר גאַנצער „קליינקייט” האט זי גראַד פאַרנומען גאָר אן אנגעזעהענעם אָרט.

צום הונדערטסטען יאר פון איר געבוירען האט דער הויפּטרב פון רוים, ראַפאַעל קאַסטיליאָני, איינגעזאַמעלט און ארויסגעגעבען אירע לידער אונטער'ן נאמען „רחל'ס פּייפער (עוגב רחל). ער האט זיך געגעבען די מיה און האט צוזאַמענגעשטעלט איר ביאָגראַפיע מיט דער הילף פון איר טאכטער פנינה, וואס האט נאך דעמאָלט געלעבט און האט איבערגעגעבען איינצעלהייטען וועגען דעם לעבען פון איר מוטער.

רחל מאַרפּורגאָ האט געהאט אין וועמען אריינצוגעראָטען. זי האט געשטאַמט פון דער באַרימטער משפּחה לוצאַטאָ, וואס צווישען זיי זיינען געווען גרויסע דיכטער און געלערנטע ביי אידען — שמואל דוד לוצאַטאָ איז געווען איר פעטער. און אין די פריערדיגע צייטען — משה חיים לוצאַטאָ. אפּיט די לוצאַטאָ און אנדערע באַרימטע מענשען פון די לוצאַטאָס. דיכטונג און פילאָזאָפיע איז ביי זיי געווען, אזוי־צו־זאָגען, א ירושה זאַך, און רחל מאַרפּורגאָ האט אויך א חלק אין דער ירושה.

רחל איז געבאָרען געוואָרען אין טריעסט, איטאַליע, אין יאר 1790. אירע עלטערן, ברוך און ברכה לוצאַטאָ, זיינען ניט געווען קיין רייכע מענשען. איר פעטער, שמואל דוד לוצאַטאָ, א באַרימטער געלערנטער און פילאָזאָף, איז אויך געווען א קנאַפּער גביר. רחל האט געזוכט פּרנסה: זי האט זיך געלערנט מאַסעריי, און שניידעריי, און ליטאָגראַפיע, אבער פון דעם אלעמען האט זיך איר איינגעגעבען בלויז איין זאך — דיכטונג, און דערביי איז זי נעבער געבליבען און איז באַרימט געוואָרען.

רחל האט א סך געלערנט — חומש מיט רש"י, גמרא; קורין, אלע שווערע ביכער האט זי געקענט. איינמאָל האט זי געבעטען ביי איר פעטער, שמואל דוד לוצאַטאָ, אז ער זאל איר פאַרשאַפען א ספר, וואס א פרוי האט קיינמאָל אין די הענט ניט געהאַלטען, דעם „זוהר”. אפילו מאַנספּיים האבען דעם זוהר געמעגט לערנען נאר ווען זיי זיינען געווען פערציג יאר אלט. דער פעטער האט איר געבראַכט דעם ספר. רחל איז געווען איבערגליקליך און זי האט אים געפרעגט מיט וואס זי זאל אים באַלוינען פאר זיין מיה. שמואל דוד לוצאַטאָ האט איר געענטפערט: „מיט איין זאך קענסטו מיך באַלוינען: דו זאָלסט קיין איין וואָרט ניט גלייבען וואס אין דעם ספר שטעהט”. רחל האט ביי אים גענומען די מתנה און האט אים ניט צוגעזאָגט אויסצופאָלגען זיין פאַרלאַנג. „די פאַרעקשט ציפּיל” — האט זי געזאָגט.

כאָטש רחל איז געווען אריינגעטאָן אין לערנען און אין שרייבען, האט זי פונדעסטוועגען ניט פאַרגעסען צו פירען א געהיימע ליבע מיט א יונגענמאַן, וואס די עלטערן האבען ניט געוואָלט דערלויבען.

א סך יונגע לייט האבען זיך געשדכנ'ט צו איר, אבער זי האט אלעמען אפּגעזאָגט. זי האט פאַרטרויט דער מוטער, אז שוין מיט יאָרען צוריק האט זי צוגעזאָגט איינעם מיט איר חתונה צו האבען. דער אויסדערוועהלטער אירער איז געווען יעקב מאַרפּורגאָ.

די מוטער האט ניט געוואָלט דעם שידוך. יעקב מאַרפּורגאָ איז געווען א געשעפטסמאַן, וואס האט מיט די לוצאַטאָס, די גרויסע געלערנטע, די גוואַלדיגע מיוחסים, גאר ניט געקענט שטעהן אין איין ברעטער. אבער רחל האט חתונה געהאט מיט אים. זי איז שוין דעמאָלט אלט געווען 29 יאר. דאס גאַנצע לעבען האבען אירע משפּחה־פאַרהעלטענישען אונטערגעדריקט. גאַנץ אָפט האט עס איר געשטערט איר שרייבען. אין איינעם פון אירע לידער קלאָגט זי זיך: „היינט זיינען צו מיר געקומען די מוזעס (דאס געזאַנג). שוין צוויי יאר אז זיי זיינען ניט געווען ביי מיר”.

רחל מאַרפּורגאָ איז געווען א רעליגיעזע פרוי. זי האט אין אירע לידער אָפט דערצעהלט ווי זי וואַרט אויף משיח'ן. „לעבן אונז ווען די־אויסלייזונג וועט קומען” — דאס איז געווען איר שטענדיגער געבעט צו גאָט.

זי האט געשריבען לידער ביז'ן טיפען עלטער. ווען זי איז אלט געווען זיבען־און־זיבעציג יאר האט זיך נאך דאס געזאַנג ניט אָפּגעטאָן פון איר. אבער טרויעריג זיינען אירע לעצטע לידער — זי רופט אן דאס לעבען „א טונקעלער טאָל”.

> טונקעלער טאָל, ווי לאַנג וועסטו מיך
> האַלטען צוגעבונדען אויף א קייט!
> בעסער שטאַרבען און זיין אונטערן
> שאָטען פון גאָט, אידער אין די
> שפּאַנונגען זינקען.

רחל מאַרפּורגאָ איז געווען א גרויסע פאַרשטייערין פון פּאָעזיע. מען פלעגט קומען פאַרלייענען פאַר איר לידער און הערען איר מיינונג וועגען זיי. אין יענע יאָרען, ווען תורה און חכמה און אלע גוטע זאַכען זיינען איינגעשטאַנען בלויז ביי די מענער, האט רחל מאַרפּורגאָ געמוזט האבען א סך מזל און טאַלאַנט אויף ארויסצורופען אזויפיל ציטרוי צו זיך. זי האט געבראָכען אן אייזערנע וואַנט.

מיט פיר יאר צוריק, אין יאר 1951, האט מען אין תל אביב איבעראַנייס ארויסגעגעבען רחל מאַרפּורגאָ'ס לידער, אונטער'ן אַלטען נאמען: „רחל'ס פּייפער”. אבעראַנייס האט איינגעלייבטען איר „טונקעלער טאָל”.

רחל מאַרפּורגאָ האט שטאַרק געבענקט צו זעהן ארץ ישראל. זי האט אין יאר 1855 געמאַכט א פּלאַן צו פאָרען אהין אלס א באַגלייטערין פון משה מאָנטעפיאָרע און זיין פרוי יהודית. עס איז איר אבער ניט געלונגען דעם פּלאַן דורכצופירען. ערשט מיט הונדערט יאר שפּעטער האט זי דערגרייכט קיין ארץ ישראל דורך אירע לידער, אין וועלכע עס איז פאַרשריבען איר טיפער פאַרלאַנג: „איך בענק צו קומען אין גאָט'ס הויז, און געה איך צו זעהן דאס הייליגע לאַנד”.

מיט ערנסט, מיט גרויסע קענטעניש און מיט אירע רירענדע לידער האט רחל מאַרפּורגאָ, די טאכטער פון די לוצאַטאָס, אריינגעבראַכט די פרוי אין דער העברעאישער ליטעראַטור.